נאר פאר אינפארמאציע

This document has been translated from the English language. The translations are provided purely as a guide to the corresponding English form and not intended to replace the use of the English form. The Office of Rent Administration (ORA) has had this document translated to assist users with Limited English Proficiency. Please note that the translation is by a contractor retained by the Office of General Services. ORA does not guarantee or warrant the accuracy of the translations.

The translated versions can be found at the DHCR website: hcr.ny.gov

די דאקומענט איז איבערגעזעצט געווארן פונעם ענגלישע שפראך. די איבערזעצונג איז צוגעשטעלט בלויז אלס א וועגווייזער צו די זעלביגע ענגלישע בויגן און איז נישט געמאכט צו ערזעצן דאס באנוץ פונעם ענגלישע בויגן. דער אפיס פאר רענט אד מיניסטראציע (Office of Rent Administration, ORA) האט איבערגעזעצט דעם דאקומענט כדי ארויסצוהעלפן באנוצערס מיט באגרעניצטע באקאנטשאפט מיט ענגליש. ביטע באמערקט אז די איבערזעצונג איז דורך א קאנטראקטאר פונעם אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס. ORA גאראנטירט נישט די פונקטליכקייט פון די איבערזעצונגען.

איבערגעזעצטע ווערסיעס קען מען געפינען אויפן DHCR וועבזייטל: hcr.ny.gov

State of New York
Division of Housing and Community Renewal
Office of Rent Administration
Gertz Plaza
92-31 Union Hall Street
Jamaica, New York 11433
וועבסייט: www.hcr.ny.gov

**טויש דאטום: מערץ 2023**

**עמערדזשענסי טענענט באשיצונג אקט (ETPA) סטאנדארד ליעס ביילאגע**
**פאר רענט סטאביליזירטע טענענטס**

**פארפעלונג פון אן אייגנטומער צוצולייגן א קאפיע פון דעם ריידער צום טענענט'ס ליעס אן א סיבה קען רעזולטירן אין א געלט שטראף אדער אנדערע באגרעניצונגען**

**מעלדונג**

די ביילאגע, מיט דעם מעלדונג, מוז ווערן צוגעלייגט צו אלע וועיקענסי און באנייאונג ליעסעס פאר רענט סטאביליזירטע דירות. די ביילאגע איז אנגעגרייט געווארן אין איינקלאנג מיט טייל 8630(a) פון E.T.P.A.

די ביילאגע מוז זיין געדרוקט אין א מאס גרעסער ווי דער דרוק פונעם ליעס צו וועלכער די ביילאגע איז באהאפטן. די פאלגנדע שפראך מוז ערשיינען אין 'באָלד' דרוק אויפ'ן פארנט פון יעדע ליעס: **"ביילאגע שטעלט פאר רעכטן און פליכטן פון טענענטס און אייגנטומערס אונטער די עמערדזשענסי טענענט באשיצונג אקט."**

די ביילאגע איז געווארן אפדעיט'עד צו אפשפיגלען די ענדערונגען וואס איז געמאכט געווארן דורך דער האוזינג סטאביליטי און טענענט באשיצונג אקט (Housing Stability and Tenant Protection Act, HSTPA) פון 2019.

---

**אפטיילונג 1 (אויב דאס איז א באנייאונגס ליעס, דאן פולט נישט אויס אפטיילונג 1, גייט צו אפטיילונג 2)**

אויב קעסטל A איז אנגעצייכנט, מוז דער אייגנטומער צייגן וויאזוי די רענטאל סומע צוגעשטעלט אין דעם וועיקענסי ליעס איז אויסגערעכנט געווארן איבער די פריערדיגע לעגאלע רעגולירטע רענט דורך אויספולן די פאלגנדע טאוול. דער אייגנטומער איז נישט בארעכטיגט צו א רענט וואס איז מער ווי די לעגאלע רעגולירטע רענט.

סיי וועלכע העכערונג העכער ווי דער פריערדיגע לעגאלע רעגולירטע רענט מוז זיין אין איינקלאנג מיט ענדערונגען ערלויבט דורך דער רענט געזעצן באורד און טענענט באשיצונג רעגולאציעס.

**וועיקענסי ליעס רענט רעכענונג**

סטאטוס פון דירה און לעצטע טענענט (אייגנטומער צו צייכענען און אויספולן פאסיגע קעסטל - (א), (ב), (ג), אדער (ד). וועלט אויס בלויז איינס.)

☒ (A) דער דירה איז געווארן רענט סטאביליזירט ווען דער פריערדיגער טענענט איז ארויסגעגאנגען.

אדרעס: X דירה # X

1. פריערדיגע לעגאלע רעגולירטע רענט $ X
2. גיידליין העכערונג באזירט אויף (1 יאר) אדער (2 יאר) ליעס. רינגלט ארום איינס. (X%) $ X
(באמערקונג: א גיידליין העכערונג קען נאר גענומען ווערן איין מאל פער גיידליין יאר)
3. איינצלנע דירה פארבעסערונגען (Individual Apartment Improvements, IAI)

כדי צו צאמנעמען די רענט העכערונג פאר די IAI, **דארפט** איר אויספולן די איינצלהייטן אויפן ליסטע אונטן און אריינלייגן די העכערונג אין **שורה G-3** (אונטן).

☒ <u>**טענענט פארלאנג פאר דאקומענטאציע**</u>

צייכנט דעם קעסטל אויב איר ווילט יעצט בעטן, פונעם אייגנטומער, קאפיעס פון דאקומענטאציע (ד.מ. בילס, אינוואויסעס, קענסעלד טשעקס, אדג.) וועלכע מאכט קלאר און שטיצט די איינצלנע דירה פארבעסערונג(ען) קאסט געשילדערט אין דעם ביילאגע. אויב איר בעט עס נישט יעצט, האט איר דעם געזעצליכן רעכט עס צו פארלאנגען ביז 60 טעג פון ווען דער ליעס גייט אריין אין קראפט, דורך סערטיפייד פאסט און דער אייגנטומער מוז דאן צושטעלן די דאקומענטאציע ביז 30 טעג אדער דורך סערטיפייד פאסט אדער דורך פערזענליכע דעליווערי מיט אן אונטערגעשריבענע דערהאלטונג ריסיט דורכ'ן טענענט. (זע ביילאגע טייל 3, באדינגונג 4 - אנדערע רענט העכערונגען, איינצלנע דירה פארבעסערונגען).

נאר פאר אינפארמאציע

**<u>איינצלנע דירה פארבעסערונגען (IAI)</u>**

**באמערקונג:** פארן אויספולן דעם טייל, זעט די IAI באגרעניצונגען באשריבן אין טייל 3 - באדינגונג 4 פון דעם דאקומענט.

**<u>ארטיקלען</u>**

**3-A. <u>באדע-צימער איבערבוי (צייכנט אלע ארטיקלען וואס זענען נוגע)</u>**

☒ גענצליכע איבערמאכונג (אויב דער קעסטל איז געצייכענט זענט איר נישט פארלאנגט צו צייכענען די איינצלנע ארטיקלען)

אדער

איינצלנע ארטיקלען (צייכנט אלע ארטיקלען וואס זענען נוגע)

☒ סינק

☒ שאווער קערפער

☒ טוילעט

☒ וואנע

☒ פלאמבינג

☒ שאפעס

☒ וועניטי

☒ ערד און/אדער וואנט באלאטעס

☒ עפעס אנדערש (שילדערט) _____X_____

סך הכל קאסטן פאר טיילן און ארבעט **3-A.** _____X_____

**3-B. <u>קאך איבערבוי (צייכנט אלע ארטיקלען וואס זענען נוגע)</u>**

☒ גענצליכע איבערמאכונג (אויב דער קעסטל איז געצייכענט זענט איר נישט פארלאנגט צו צייכענען די איינצלנע ארטיקלען)

אדער

איינצלנע ארטיקלען (צייכנט אלע ארטיקלען וואס זענען נוגע)

☒ סינק

☒ גאז

☒ פרידזשידער

☒ דיש-וואשער

☒ שאפעס

☒ פלאמבינג

☒ ערד און/אדער וואנט באלאטעס

☒ קאונטער-פלאכן

☒ עפעס אנדערש (שילדערט) _____X_____

סך הכל קאסטן פאר טיילן און ארבעט **3-B.** _____X_____

**3-C. <u>עפעס אנדערש (צייכנט אלע ארטיקלען וואס זענען נוגע)</u>**

☒ טירן

☒ פענסטערס

☒ הייצונגען

☒ לעקטערס

☒ עלעקטרישע ארבעט

☒ שיטראק

☒ עפעס אנדערש (שילדערט) _____X_____

סך הכל קאסטן פאר טיילן און ארבעט **3-C.** _____X_____

**3-D. סוב-סך הכל קאסטן פאר טיילן און ארבעט (סומע פון 3-A ,3-B, און 3-C)** **3-D.** _____X_____

**3-E. סך הכל קאסטן פאר טיילן און ארבעט פאר פריערדיגע IAI'ס צאמגענומען אויף אדער נאך יוני 14, 2019 (אויסער 3-D)** **3-E.** _____X_____

**3-F. אויסרעכענען די ערלויבטע IAI העכערונג פאר די אינסטאלירונג: 15,000$ - 3-E** **3-F.** _____X_____

**3-G. סך הכל IAI רענט העכערונג (1/168 סטל אדער 1/180 ל פון ליניע 3-D אדער ליניע 3-F, וועלכע עס איז ווייניגער)** **3-G.** _____X_____

**באמערקונג:** 1/168 סטל אויב דער געביידע האט 35 יוניטס אדער ווייניגער. 1/180 סטל אויב דער געביידע איז מער ווי 35 יוניטס.

נאר פאר אינפארמאציע

4. נייע לעגאלע רעגולירטע רענט (סומע פון 1, 2 און 3-G) $ X

4A. געוואונטשענע רענט* אדער העכערע אקטועלע רענט** (אויב גערעכנט) $ X $ X

(לייגט אריין 4 אדער 4A)

5. עיר קאנדישאנער צוגעלייגטע קאסטן: $ X

6. אפלייענץ צוגעלייגטע קאסטן (טענענט-אינסטאלירטע וואש-מאשין, דרייער, דיש-וואשער) $ X

7. נאך סערוויסעס גערעכנט (צ.ב. גאראדש) $ X

8. עפעס אנדערש (שרייבט וואס X) $ X

9. **נייע טענענט'ס סך הכל באצאלונג** $ X

*אויב א "געוואונטשענע רענט" ווערט גערעכנט, ביטע ליינט באדינגונג #17 פון דעם ביילאגע.

** אויב א העכערע אקטועלע רענט ווערט גערעכנט, אויטאריזירט דורך א רעגוליטארי הסכם, ביטע ליינט פראוויזיע #14 פון די ריידער

☒ (B) דער דירה איז געווען רענט קאנטראלירט אינעם צייט וואס דער פריערדיגער טענענט איז ארויסגעגאנגען. דער טענענט איז דער ערשטער רענט סטאביליזירטע טענענט און די רענט וואס איז צוגעשטימט און געשריבן אינעם ליעס צו וואס דאס ביילאגע איז צוגעשטעלט איז $ X. דער אייגנטומער איז בארעכטיגט צו רעכענען א מארקעט רענט צו די ערשטער רענט סטאביליזירטע טענענט. דער ערשטער רענט גערעכנט פון דער ערשטער רענט סטאביליזירטע טענענט ווערט דער ערשטע לעגאלע רעגולירטע רענט פאר די דירה אונטער די רענט סטאביליזירונג סיסטעם. אבער, אויב דער טענענט האט א סיבה צו גלייבן אז די רענט שטייגט איבער א "יושר'דיגע מארקעט רענט", קען דער טענענט איינגעבן א "יושר'דיגע מארקעט רענט אפיעל" מיט DHCR. דער אייגנטומער איז געפאדערט צו געבן פאר'ן טענענט מעלדונג, אויף DHCR בויגן RR-1, פונעם רעכט צו איינגעבן אזא אפיעל. די מעלדונג מוז געשיקט ווערן דורך סערטיפייד פאסט. א טענענט האט נאר 90 טעג, פון ווען דער מעלדונג איז געשיקט געווארן צום טענענט דורכ'ן אייגנטומער מיט סערטיפייד פאסט, צו פייל'ן אן אפיעל. אויב נישט, ווערט די רענט געשריבן אויפ'ן רעגיסטראציע בויגן די ערשטע לעגאלע רעגולירטע רענט.

☒ (C) די רענט פאר דעם דירה איז אן ערשטע אדער איבערגעמאכטע רענט אין איינקלאנג מיט א רעגירונגס פראגראם. שרייבט וועלכע פראגראם (X) $ X

☒ (D) עפעס אנדערש X $ X

## אפטיילונג 2 - דעם אפטיילונג מוז אויסגעפולט ווערן פאר וועיקענסי און באנייאונג ליעסעס

**מעלדונג:** אויב א העכערע אקטועלע רענט אויטאריזירט דורך א רעגוליטארי הסכם ווערט גערעכנט, אין פארבינדונג מיט טייל B, C, און D אין טייל 1 אויבן, אדער אין א באנייאונג ליעס, DHCR מעלדונג RA-LR3 מוז ווערן צוגעלייגט צו די ליעס.

ליעס ביילאגע פאר דער האוזינג אקאמידאציע:

X

X

(דרוקט האוזינג אקאמידאציע'ס אדרעס און דירה נומער)

ליעס אנהויב דאטום: X ליעס ענדע דאטום: X

ליעס מיטן דאטום: X

דער טענענט געשריבן אין דעם ליעס טוט דא באשטעטיגן די צייטליכע דערהאלטונג פון די אויבנדערמאנטן ליעס ביילאגע פאר די האוזינג אקאמידאציע וואס שטייט אויבן.

X

שרייבט נאמען פון טענענט(ס)

X

אונטערשריפט(ן) און דאטום

אויסגעשטעלט צו שטראפן דורכ'ן געזעץ, טוט דער אייגנטומער פונעם האוזינג אקאמידאציע דא באשטעטיגן אז די ביילאגע אויבן ווערט געגעבן צום טענענט צוזאמען מיט'ן אונטערשרייבן פונעם ליעס און די אינפארמאציע צוגעשטעלט דורך דער אייגנטומער דערין איז ריכטיג און פונקטליך באזירט אויף די רעקארדס.

X

דרוקט נאמען פון אייגנטומער אדער אייגנטומער'ס אגענט

X

אונטערשריפט און דאטום

נאר פאר אינפארמאציע

# אפטיילונג 3 - באדינגונגען

**אריינפיר:**

דער ביילאגע ווערט ארויסגעגעבן דורך די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון האוזינג און קאמיוניטי באנייאונג (DHCR), אין איינקלאנג מיט די עמערדזשענסי טענענט באשיצונג אקט (ETPA) און טענענט באשיצונג רעגולאציעס (TPR). עס טוט אין אלגעמיין לאזן וויסן פאר טענענטס און אייגנטומער איבער זייער עיקר רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן אונטער די TPR.

דער ביילאגע ענטהאלט נישט יעדע געזעץ וואס איז נוגע פאר רענט סטאביליזירטע דירות. עס איז נאר געמאכט פאר אינפארמאציע און די באדינגונגען זענען נישט א טייל פון און טוישן נישט דער ליעס. אבער עס מוז ווערן באהאפטן אלס א ביילאגע צו דער ליעס. עס טוט נישט אין קיין שום וועג ערזעצן אדער טוישן מער פונקטליכע אדער גאנצע טיילן פון די ETPA, TPR אדער סיי וועלכע באפעל פון DHCR, אדער סיי וועלכע באפעל פון די רענט גיידליינס באורד וואס פירט דעם טענענסי. דער אייגנטומער מוז אויספאלגן אלע גילטיגע סטעיט, פעדעראלע און ארטיגע יושר'דיגע האוזינג געזעצן און נאנ-דיסקרימינאציע פאדערונגען.

דער אפענדיקס רעכנט אויס ארגאניזאציעס וועלכע קענען העלפן טענענטס און אייגנטומערס וואס האבן פראגעס, קלאגעס אדער פארלאנגען אין פארבינדונג מיט טעמעס געדעקט אין דעם ביילאגע.

טענענטס זאלן האלטן א קאפיע פון דעם ביילאגע און פון סיי וועלכע ליעס וואס זיי שרייבן אונטער און פארזיכטיג איבערגיין די קיצור פון געזעצליכע רענט העכערונגען געשילדערט. סיי וועלכע טענענט וואס גלייבט אז די רענט וואס מען רעכנט זיי איז מעגליך נישט-געזעצליך קען בעטן א רענט היסטאריע פון זייער דירה פון DHCR (www.hcr.ny.gov) . נאכ'ן איבערגיין די רענט היסטאריע, קען דער טענענט מאכן א קלוגע באשלוס אויב ער זאל פייל'ן בויגן RA-89 "טענענט'ס קלאגע פון רענט און/אדער אנדערע ספעציפישע איבערשטייגן אין א רענט סטאביליזירטע דירה."

### 1. באנייאונג ליעסעס

דער אייגנטומער האט א רעכט צו העכערן די רענט ווען א טענענט באנייט א ליעס ("באנייאונג ליעס"). יעדע יאר, גילטיג אקטאבער 1, באשטימט דער ניו יארק סיטי רענט גיידליינס באורד דער פערצענט פון מאקסימום ערלויבטע העכערונג אויף די דעמאלס-דיגע סעפטעמבער 30טע רענט פאר ליעסעס וואס הויבן זיך אן דורכאויס דער יאר פאר וועלכע דער גיידליינס באפעל איז אין קראפט. דער דאטום וואס א ליעס הויבט זיך אן באשטימט וועלכע גיידליינס באפעל איז נוגע.

גיידליינס באפעלן שטעלן צו העכערונגען פאר באנייאונג ליעסעס. דער טענענט וואס באנייט דער ליעס האט דער אויסוואל צו אנהאלט ן דעם ליעס. באזונדערע פערצענטן ווערן באשטימט פאר רענט העכערונגען פאר ליעסעס פון איין אדער צוויי יאר. פאר נאך אינפארמאציע זע DHCR פאקט בלאט #26.

### 2. וועיקענסי ליעסעס

דער אייגנטומער האט דער רעכט צו העכערן די פריערדיגע לעגאלע רעגולירטע רענט ווען א נייע טענענט הויבט אן א ליעס פאר'ן ערשטן מאל און דאס ווערט אנגערופן א וועיקענסי ליעס. דער טענענט קען אויסוועלן צווישן אן איין אדער צוויי-יאר ליעס טערמין. דער ערלויבטע העכערונג איז באשטימט דורך דער רענט גיידליינס באורד. אבער, נישט מער ווי איין גיידליין באורד העכערונג מעג צוגעליגט ווערן פער גיידליין יאר. געזעצליכע גרויסע קאפיטאל פארבעסערונגען און איינצלנע דירה פארבעסערונגען מעגן אויך ווערן צוגעליגט צו די רענט.

### 3. סעקיוריטי דעפאזיטס

אן אייגנטומער מעג צאמנעמען א סעקיוריטי דעפאזיט וואס איז נישט העכער ווי איין מאנאט'ס רענט. ווען די רענט ווערט געהעכערט, מעג דער אייגנטומער רעכענען א צוגעקומענע סומע צו ארויפברענגען די סעקיוריטי דעפאזיט ביזן פולע סומע פון די געהעכערטע רענט צו וועלכע דער אייגנטומער איז בארעכטיגט. אויב א געוואונטשענע רענט ווערט גערעכנט, קען דער סומע אויפ'ן סעקיוריטי דעפאזיט צאמגענומען נישט זיין העכער ווי די געוואונטשענע רענט.

א סעקיוריטי דעפאזיט מוז ווערן דעפאזיטעד אין א טראסט אקאונט וואס רעכנט ריבית אין א באנק ארגאניזאציע אין ניו יארק סטעיט. דער טענענט האט דער אויסוואל פון צוליגן די ריבית צו דער רענט, לאזן די ריבית אינעם באנק אדער באקומען די ריבית יערליך. פאר נאך אינפארמאציע זע DHCR פאקט בלאט #9.

### 4. אנדערע רענט העכערונגען

אין צוגאב צו גיידליין העכערונג, מעג דער רענט געהעכערט ווערן אויף שטענדיג באזירט אויף די פאלגנדע:

(A) **איינצלנע דירה פארבעסערונגען (Individual Apartment Improvements, IAI)** - ווען אן אייגנטומער אינסטאלירט א נייע אפלייענס אדער מאכט א פארבעסערונג צו א דירה קען דער אייגנטומער זיין בארעכטיגט צו אן IAI רענט העכערונג. טענענט שריפטליכע צושטימונג פאר די פארבעסערונג און רענט העכערונג איז נאר נויטיג אויב דער דירה איז באוואוינט דורך א טענענט. עס איז נישט פארלאנגט פאר ליידיגע דירות.

אין געביידעס מיט 35 יוניטס אדער ווייניגער, איז דער העכערונג באגרעניצט צו 1/168טל פון די קאסטן פון די פארבעסערונג. אין געביידעס פון מער ווי 35 יוניטס, איז דער העכערונג באגרעניצט צו 1/180טל פון די קאסט פון די פארבעסערונג.

נישט מער ווי דריי IAI העכערונגען מעגן צאמגענומען ווערן אין לויף פון א -15 יאריגע צייט אפשניט און די סך הכל קאסטן פון די פארבעסערונגען וואס זענען בארעכטיגט פאר א רענט העכערונג איבערעכענונג קען נישט איבערשטייגן $15,000. ארבעט מוז געטון ווערן דורך א לייסענס'ד קאנטראקטער און עס איז דא א פארבאט אויף פאראייניגע אייגנטומערשאפט צווישן דער קאנטראקטער און דער אייגנטומער. דער דירה מוז זיין באפרייט און ליידיג פון פארבליבענע געפארפולע און זאפארטיגע געפארפולע פארלעצונגען. דער שריפטליכע צושטימונג געגעבן דורכן

נאר פאר אינפארמאציע

באוואוינטן טענענט מוז זיין אויף א DHCR בויגן. אן איבערגעזעצטע ווערסיע אין די הויפט 6 שפראכן גערעדט אויסער ענגליש וועט ווערן אוועילעבל איבערצוקוקן אויף DHCR 'ס וועבסייט. אייגנטומערס זענען געפאדערט אנצוהאלטן שטיצנדע דאקומענטאציע און בילדער פאר אלע IAI אינסטאלאציעס, וועלכע אנגעהויבן פון יוני 14, 2020 וועלן אריינגעגעבן ווערן און געהאלטן ווערן דורך DHCR אין אן עלעקטראנישער פארמאט. דער IAI רענט העכערונג איז צייטווייליג, און עס מוז ווערן אראפגענומען פון די רענט אין 30 יאר און די לעגאלע רענט מוז ווערן צוגעפאסט אין יענע צייט לויט די אנווייזונגען פארמערונגען וואס זענען פריער ארויפגעלייגט געווארן אויף א רענט וואס מוז אריינרעכענען IAI.

דער DHCR ליעסביילאגע געגעבן פאר וועיקענסי ליעס טענענטס ענטהאלט מעלדונג צום טענענט לגבי דער רעכט צו פארלאנגען פונעם אייגנטומער דורך סערטיפייד פאסט איינצלנע דירה פארבעסערונגען (IAI'ס) שטיצנדע דאקומענטאציע אין דער צייט וואס דער ליעס ווערט געגעבן אדער ביז 60 טעג פון אריינלייגן דער ליעס אין קראפט. דער אייגנטומער זאל צושטעלן די דאקומענטאציע ביז 30 טעג פון די פארלאנג פערזענליך אדער דורך סערטיפייד פאסט. א טענענט וועלכע באקומט נישט דער דאקומענטאציע אויפן פארלאנג קען איינגעבן בויגן RA-90 ETPA א "טענענט'ס קלאגע פון אייגנטומער'ס פארפעלונג צו באנייען ליעס און/אדער פארפעלן צו געבן א קאפיע פון אונטערגעשריבענע ליעס" כדי צו באקומען א DHCR באפעל וואס באפעלט צו געבן די IAI שטיצנדע דאקומענטאציע. (זעהט ביילאגע טייל 1, איינצלנע דירות פארבעסערונג.)

IAI רענט העכערונגען קענען נישט ווערן צאמגענומען אויב א DHCR באפעל פארמינערנדיג רענט פאר פארמינערטע סערוויסעס איז אין קראפט און האט א פריערע גילטיגע דאטום. עס קען ווערן צאמגענומען שפעטער אויפן גילטיגע דאטום פון א DHCR באפעל וואס שטעלט צוריק דעם רענט.

**(B) גרויסע קאפיטאל פארבעסערונגען (Major Capital Improvements, MCI)** - אן אייגנטומער איז ערלויבט א רענט העכערונג צו צוריקבאקומען די אויסגאבעס פון די געביידע-ברייטע הויפט קאפיטאל פארבעסערונגען, אזוויי דאס ערזעצונג פון א בוילער אדער נייע פלאמבינג. גרויסע קאפיטאל פארבעסערונג רענט העכערונגען זענען פארבאטן אין געביידעס וואס האבן 35% אדער ווייניגער רענט רעגולירטע דירות. דער אייגנטומער מוז אריינגעבן אן אפליקאציע מיט DHCR און אלע שטיצנדע דאקומענטאציע ווערט אודיטעד.

DHCR קען ארויסגעבן א באפעל אפזאגנדיג דעם העכערונג אדער ערלויבנדיג דעם העכערונג אין טייל אדער אינגאנצן און שיקן דעם באפעל צום אייגנטומער און אלע טענענטס אינעם געביידע. דער רענט העכערונג באשטעטיגט דורך דער DHCR באפעל ווערט צאמגענומען פון פאראויס, אויפן ערשטן טאג פון דער ערשטן מאנאט 60 טעג נאכן ארויסגעבונג. עס זענען נישט דא קיין צוריקגייענדע רענט העכערונגען. דער צאמנעמונג פון די העכערונג איז באגרעניצט צו א 2% דעקל/יערליכע פעיז-אין. דער 2% דעקל גייט אויך אן פאר MCI רענט העכערונגען נאכנישט צאמגענומען וועלכע זענען באשטעטיגט געווארן אויף אדער נאך יוני 14, 2012. ווען עס ווערט ליידיג, קען דער פארבליבענע סומע פון די העכערונג צוגעלייגט ווערן צום לעגאלע רענט. אין געביידעס מיט 35 אדער ווייניגער יוניטס, ווערט די קאסט צוריקגעצאלט איבער א -12 יאר צייט אפשניט. אין געביידעס מיט מער ווי 35 יוניטס, ווערט דער קאסט צוריקגעצאלט איבער 12 ½ יאר. דער געביידע מוז זיין באפרייט און ליידיג פון פארבליבענע געפארפולע און זאפארטיגע געפארפולע פארלעצונגען. דער MCI רענט העכערונג איז צייטווייליג און מוז אראפגענומען ווערן פון די רענט אין 30 יאר, און דער לעגאלע רענט מוז ווערן צוגעפאסט ביי דעם צייט פאר גיידליין העכערונגען וואס זענען פריער געווען צוגערעכנט אויף א רענט וואס האט אריינגערעכנט דער MCI רענט העכערונג.

וועיקענסי ליעס טענענטס זאלן ווערן געמאלדן אין זייער ליעס איבער מעגליכע MCI אפליקאציעס.

**(C) שווערקייט** - אן אייגנטומער קען זיך איינגעבן צו העכערן די רענטס פון אלע רענט סטאביליזירטע דירות באזירט אויף שווערקייט ווען:

1. די רענטס זענען נישט גענוג צו ערמעגליכן די אייגנטומער צו אנהאלטן בערך די זעלבע מעסיגע יערליכע נעט איינקומפט פאר א יעצטיגע דריי-יאר צייט אפשניט אין פארגלייך מיט'ן נעט איינקומפט וועלכע איז געווען מעסיג איבער די צייט אפשניט פון 1968 ביז 1970, אדער פאר די ערשטע דריי יאר פון פירונג אויב דער געביידע איז פארענדיגט געווארן נאך 1968, אדער פאר די ערשטע דריי יאר וואס דער אייגנטומער האט געהאט דעם געביידע אויב דער אייגנטומער קען נישט באקומען רעקארדס פון די יארן 1968-1970; אדער
2. וואו יערליכע גראס רענטעל איינקומפט איז נישט מער ווי די יערליכע פירונג קאסטן מיט א סומע אייניג צו כאטש 5% פון די גראס איינקופט.

אויב אן אפליקאציע פאר א רענט העכערונג באזירט אויף א גרויסע קאפיטאל פארבעסערונג אדער שווערקייט ווערט געגעבן, קען דער אייגנטומער רעכענען די העכערונג בשעת דער טערמין פון אן אנגייענדע ליעס נאר אויב דער ליעס ענטהאלט א קלאוס וואס ערלויבט ספעציפיש דעם אייגנטומער אזוי צו טון.

## 5. רענט רעגיסטראציע

**(A) ערשטע מאל**
אן אייגנטומער מוז רעגיסטרירן א דירה'ס רענט און סערוויסעס מיט DHCR ווען די געביידע ווערט צום ערשט אויסגעשטעלט צו די RSL און לויט די פאדערונג פון סיי וועלכע געזעצליכע צושטימעס און/אדער שטייער בענעפיט פראגראמען.

**(B) יערליך**
דער יערליכע רעגיסטראציע מוז ווערן גע'פייל'ט מיט DHCR נישט שפעטער ווי אפריל 1 פון יעדע יאר. ביים צייט פונעם פיילינג, מוז דער אייגנטומער צושטעלן א טענענט'ס קאפיע פאר יעדע טענענט.

**(C) שטראפן**
פארפעלונג צו רעגיסטרירן קען רעזולטירן אין שטראפן, רענט נידערונגען, און אנדערע באהאנדלונג ווי ערלויבט לויט'ן געזעץ.

**6. באנייאונג ליעסעס**

א טענענט האט א רעכט צו א באנייאונג ליעס, מיט געוויסע אויסנאמען (זע באדינגונג 10 פון דעם ביילאגע, "ווען אן אייגנטומער קען זיך אנטזאגן פון באנייען א ליעס").

כאטש 90 טעג און נישט מער ווי 120 טעג פארן אויסלויף פונעם ליעס, מוז דער אייגנטומער ערשט אונטערשרייבן און שרייבן א דאטום אויפן באנייאונגס ליעס RTP-8 ETPA און עס שיקן דורך סערטיפייד פאסט צום טענענט. דער מעלדונג מוז אויך געבן פאר'ן טענענט דער אויסוואל פון אן איין אדער צוויי-יאר ליעס אויפ'ן ערלויבטע גיידליינס העכערונג. נאכ'ן ערהאלטן דעם מעלדונג, האט דער טענענט אלעמאל 60 טעג אנצונעמען דער אייגנטומער'ס פארשלאג, און עס צוריק שיקן דורך סערטיפייד פאסט צום אייגנטומער.

סיי וועלכע באנייאונג ליעס, אויסער דער צאל רענט און לענג פונעם טערמין, מוז זיין אויף די זעלבע טערמינען און באדינגונגען ווי די אויסגעלאפענע ליעס, און א גענצליך אויסגעפולטע קאפיע פונעם זעלבן מוז געגעבן ווערן צום טענענט ביז 30 טעג פונעם אייגנטומער'ס ערהאלטונג פונעם באנייאונג ליעס בויגן אונטערגעשריבן דורכן טענענט. אויב דער אייגנטומער שיקט נישט צוריק קיין קאפיע פון דער גענצליך אויסגעפולטע באנייאונג ליעס בויגן צו דער טענענט ביז 30 טעג פון באקומען דער אונטערגעשריבענע באנייאונג ליעס פון דער טענענט, איז דער טענענט פאראנטווארטליך צו באצאלן דער נייע ליעס רענט, און קען איינגעבן א "טענענט'ס קלאגע פון אייגנטומער'ס פארפעלונג צו באנייען ליעס און/אדער פארפעלונג צו געבן א קאפיע פון אונטערגעשריבענע ליעס" (DHCR בויגן RA-90 - ETPA). DHCR זאל באפעלן פאר'ן אייגנטומער צו געבן א קאפיע פונעם באנייאונג ליעס אדער בויגן. אויב דער אייגנטומער פאלגט נישט ביז 20 טעג פון דעם באפעל, זאל דער אייגנטומער נישט זיין בארעכטיגט צאמצונעמען א רענט גיידליין העכערונג ביז דער ליעס אדער בויגן ווערט צוגעשטעלט.

עס איז אומלעגאל פאר אן אייגנטומער צו פארלאנגען א רענט סטאביליזירטע טענענט צו ארויסגעבן אימיגראציע סטאטוס אינפארמאציע אדער א סאושעל סעקיוריטי נומער אלץ א תנאי צו באנייען זייער ליעס. (פאר נאך אינפארמאציע אויף די רעכטן פון פרעמד-געבוירענע טענענטס זע DHCR פאקט בלאט #45.)

אויב א טענענט וויל בלייבן וואוינען אין א דירה נאכ'ן אויסלויף פונעם ליעס, קען דער טענענט זיך נישט אפזאגן פון אונטערשרייבן א פאסיגע באנייאונג ליעס. אויב דער טענענט זאגט זיך אפ פון אונטערשרייבן א פאסיגע באנייאונג ליעס, קען ער אדער זי זיין אויסגעשטעלט צו אן עוויקשין פארהאנדלונג.

אן אייגנטומער קען צולייגן צו א באנייאונג ליעס די פאלגנדע באדינגונגען אפילו אויב די באדינגונגען זענען נישט געווען אויפ'ן טענענט'ס פריערדיגע ליעס:

(A) די רענט מעג ווערן צוגעפאסט דורכ'ן אייגנטומער אויפ'ן באזיס פון רענט גיידליינס באורד אדער DHCR באפעלן;

(B) אויב דער אייגנטומער אדער דער ליעס גיבט ערלויבעניש צו פארדינגען אדער אוועקגעבן, קען דער אייגנטומער רעכענען א פארדינגונג ערלויבעניש פאר א סוב-טענענט אדער איבערנעמער, נאר אויב דער הויפט ליעס איז א באנייאונג ליעס. אבער, די פארדינגונג ערלויבעניש קען גערעכנט ווערן אפילו אויב דער באדינגונג איז נישט צוגעלייגט צום באנייאונג ליעס. (ווידער פארדינגען איז אדורכגערעדט אין באדינגונג 9 פון דעם ביילאגע);

(C) באדינגונגען פאר רענט העכערונגען אויב ערלויבט אונטער אפטיילונג 423 פון די ריעל פראפערטי שטייער געזעץ: א קלאוס קען צוגעלייגט ווערן צוצושטעלן א יערליכע אדער אנדערע פעריאדישע רענט העכערונג איבער די לעגאלע רעגולירטע רענט אויב ערלויבט דורך אפטיילונג 423 פונעם ריעל פראפערטי שטייער געזעץ.

**7. באנייאונג ליעס איבערנעמען רעכטן**

אין פאל וואס א טענענט גייט ארויס פון דער דירה אויף שטענדיג אינעם צייט פון א באנייאונג ליעס פארשלאג, זענען פאמיליע מיטגלידער וואס האבן געוואוינט מיט'ן טענענט אינעם דירה אלס א הויפט וואוינארט פאר כאטש צוויי יאר איידער די טענענט איז ארויס (איין יאר פאר פאמיליע מיטגלידער וואס זענען עלטערע אדער באגרעניצטע מענטשן), אדער פונעם אנהויב פונעם טענענסי אדער אנהויב פונעם קשר, אויב פאר וויניגער ווי די צייט אפשניטן, בארעכטיגט פאר א באנייאונג ליעס.

"פאמיליע מיטגליד" מיינט די מאן/ווייב, זון, טאכטער, שטיף זון, שטיף טאכטער, טאטע, מאמע, שטיף טאטע, שטיף מאמע, ברודער, שוועסטער, זיידע, באבע, אייניקל, שווער, שוויגער, איידעם אדער שנור פונעם טענענט.

"פאמיליע מיטגלידער" רעכנט אויך אריין סיי וועלכע אנדערע מענטש וואס וואוינט מיטן טענענט אינעם וואוינונג אלס אן עיקר איינוואוינער, וואס קען אויפווייזן עמאציאנעלע און פינאנציעלע התחייבות און אפהענגיגקייט צווישן די מענטש און דעם טענענט. ביישפילן פון באווייזן וועלכע ווערן גערעכנט אין באשטימען אויב די עמאציאנעלע אדער פינאנציעלע התחייבות און אפהענגיגקייט גייט אן זענען געשריבן אינעם רענט סטאביליזירונג קאוד. באנייאונג ליעס איבערנעמען רעכטן זענען אויך אדורכגערעדט מיט דעטאלן אין DHCR פאקט בלאט #30.

**8. סערוויסעס**

שריפטליכע מעלדונג צום אייגנטומער אדער פארוואלטונג אגענט זאל געגעבן ווערן אבער איז **נישט** געפאדערט, איידערן איינגעבן א פארמינערונג אין סערוויס קלאגע מיט DHCR. אייגנטומערס וועלכע האבן נישט באקומען פריערדיגע שריפטליכע מעלדונג פון די טענענט וועלן אבער, געגעבן ווערן מער צייט צו ענטפערן צו א קלאגע איינגעגעבן מיט DHCR. אפליקאציעס באזירט אויף א מאנגל פון הייצונג אדער הייסע וואסער מוזן באגלייט ווערן מיט א באריכט פון די פאסיגע סיטי אגענטור.

אלע עמערדזשענסי אומשטענדן דארפן נישט פריערדיגע שריפטליכע מעלדונג. די עמערדזשענסי אומשטענדן רעכענען אריין אבער זענען נישט באגרעניצט צו: ארויסגיין באפעל (5 טעג מעלדונג), פייער (5 טעג מעלדונג), נישט דא קיין וואסער אין גאנצע דירה, טוילעט ארבעט נישט, צאמגעפאלענע אדער צאמפאלנדע דאך אדער ווענט, צאמפאלנדע ערד, נישט דא הייצונג/ הייסע וואסער אין גאנצע דירה (פארלעצונג געפאדערט), צובראכענע אדער נישט ארבעטנדע פאדערשטע טיר שלאס, אלע עלעוועיטערס ארבעטן נישט, נישט דא עלעקטריק אין גאנצע דירה, פענסטער צום פייער עסקעיפ (עפנט זיך נישט), וואסער רינט (פליסנדע וואסער, פארפלייצנדיג עלעקטראנישע געצייג), פענסטער-גלאז צובראכן (נישט געשפאלטן), צובראכענע/נישט נוצבארע

נאר פאר אינפארמאציע

פייער עסקעיפס, עיר קאנדישען צובראכן (אין זומער). קלאגעס צו DHCR אויף די פאסיגע DHCR בויגן וואס פארמאגן איינע פון די עמערדזשענסי אומשטענדן וועלן ווערן באהאנדלט אלס ערשטע פריאריטעט און וועלן ווערן פראצעסירט די שנעלסטע מעגליך. **עס איז רעקאמענדירט אז טענענטס זאלן נוצן א באזונדערע DHCR בויגן פאר סיי וועלכע פראבלעמאטישע אומשטענדן וועלכע זענען נישט אויפן עמערדזשענסי אומשטענדן ליסטע.**

געוויסע אומשטענדן, וואס ביישפילן פון זיי זענען פארגעשטעלט אינעם טענענט באשיצונג רעגולאציעס, וועלכע האבן נאר א מינימאלע ווירקונג אויף טענענטס, אפעקטירן נישט דאס באנוץ און הנאה פון די ערטער, און קענען אנגיין אפילו מיט געהעריגע מעינטענענץ פון סערוויסעס. די אומשטענדן קומען נישט צו צום שטאפל פון א פארפעלונג צו אנהאלטן גפאדערטע סערוויסעס. די צייט וואס איז אריבער פון ווען א קעגנגעשטעלטע סערוויס איז נישט צוגעשטעלט געווארן אן קיין קלאגע קען אויך גענומען ווערן אין באטראכט בשעת'ן באשטימען אויב אן אומשטאנד איז נישט וויכטיג. פאר דעם צוועק, אויב עס זענען אריבער 4 יאר אדער מער וועט עס גערעכנט ווערן אלס אנגענומענע באוויז אז די אומשטאנד איז נישט וויכטיג.

דער סומע פון סיי וועלכע רענט נידערונג באפוילן דורך דער DHCR זאל אראפגענומען ווערן ביי יעדע קרעדיט, עביעטמענט אדער אפ-סעט אין רענט וועלכע דער טענענט האט באקומען אין איינקלאנג מיט אפטיילונג 235-b פון דער ריעל פראפערטי געזעץ ("ווארענטי אוו האביטאביליטי") וואס איז פארבינדען מיט איינס אדער מער אומשטענדן געדעקט דורך דער DHCR באפעל. פאר נאך אינפארמאציע זע DHCR פאקט בלאט #3, #14 און #37.

**9. ווידער פארדינגען און אריבערפירן**

א טענענט האט די רעכט צו פארדינגען זיין/איר דירה, אפילו אויב אין דער ליעס איז פארבאטן צו פארדינגען, בתנאי אז דער טענענט פאלגט פונקטליך אויס אלע באדינגונגען פון ריעל פראפערטי געזעץ אפטיילונג 226-b. טענענטס וואס פאלגן נישט אויס די פאדערונגען קענען זיין אויסגעשטעלט צו עוויקשין פאר׳האנדלונגען. אויספאלגן אפטיילונג 226-b איז נישט באשטימט דורך DHCR, נאר דורך א געריכט פון טויגליכע יוריסדיקציע. אויב א טענענט וואס וואוינט אונטער א באנייאונג ליעס פארדינגט זיין/איר דירה, קען דער אייגנטומער צייטוויייליג העכערן די רענט דורך די יעצטיגע רענט גיידליינס באורד עדזשוסטמענטס, אפגעזען פון אויב דער אייגנטומער האט געהעכערט די רענט מיט די גיידליינס באורד סומע אין די פריערדיגע צוועלף מאנאטן. די אפצאל קען ווערן ווייטער געגעבן צום סוב-טענענט. אבער, ווען די סוב-ליעס ענדיגט זיך, זאל דער לעגאלע רעגולירטע רענט צוריקגיין צום לעגאלע רעגולירטע רענט אן די צייטוויייליגע העכערונג. די רענט העכערונג איז די ערלויבעניש צוגעשטעלט דורך דער NYC רענט גיידליינס באורד אוועילעבל ווען דער טענענט'ס ליעס הויבט זיך אן, און עס גייט אריין אין קראפט ווען דער ווידער פארדינגען קומט פאר.

א טענענט וואס פארדינגט זיין/איר דירה איז בארעכטיגט צו רעכענען פונעם סוב-טענענט די רענט ערלויבט אונטער די רענט סטאביליזירונג געזעץ אונטער ETPA, און קען רעכענען א 10% העכערע פרייז וואס מען קען באצאלן צום טענענט נאר אויב דער דירה איז גענצליך אויסשטאפירט מיט די טענענט'ס מעבל. וואו דער טענענט רעכנט פונעם סוב-טענענט סיי וועלכע צוגעקומענע רענט אויסער די ערלויבטע פרייז העכערונג און פארדינגונג ערלויבעניש, אויב נוגע, זאל דער טענענט זיין געפאדערט צוריקצוצאלן פארן סוב-טענענט א שטראף פון דריי מאל די רענט איבערפרייז, און קען אויך זיין געפאדערט צו באצאלן ריבית און אדוואקאט'ס אפצאלן. דער טענענט קען אויך זיין אויסגעשטעלט צו ארויסווארפן פאר׳האנדלונגען.

**באשטימען ליעסעס**

אין אן אריבערפירונג, פירט א טענענט אריבער זיין גאנצע רעשטע פון זיין אדער איר ליעס צו א צווייטן (דער דער׳האלטער), און גיבט אויף אלע זיינע/אירע רעכטן צו וואוינען נאכאמאל אינעם דירה.

אין איינקלאנג מיט די באדינגונגען פון ריעל פראפערטי געזעץ אפטיילונג 226-b, מעג א טענענט נישט אריבערפירן זיין/איר ליעס אן שריפטליכע צושטימונג פונעם אייגנטומער, אויסער אויב דער ליעס שטעלט אויסדרוקליך צו אנדערש. אויב דער אייגנטומער שטימט צו צום אריבערפירונג פונעם ליעס, קען דער אייגנטומער העכערן די רענט כאילו דער דער׳האלטער איז אריין אין א נייע ליעס נאכפאלגנדיג פערמענאנט וועיקענסי. די העכערונג זאל בלייבן א טייל פונעם לעגאלע רעגולירטע רענט פאר סיי וועלכע נאכפאלגנדע באנייאונג ליעס.

אן אייגנטומער איז נישט געפאדערט צו האבן לאגישע סיבות זיך קעגנצושטעלן צום אריבערפירונג. אבער, אויב דער אייגנטומער שטעלט זיך קעגן אן קיין סיבה, מוז דער אייגנטומער באפרייען דער טענענט פון די רעשטע פונעם ליעס, אויב דער טענענט, מיט 30 טעג מעלדונג צום אייגנטומער, פארלאנגט צו ווערן באפרייט.
אויב דער אייגנטומער איז קעגנשטעליג צום אריבערפירונג און האט יא א לאגישע סיבה זיך קעגנצושטעלן, קען נישט דער טענענט אריבערפירן און דער אייגנטומער איז נישט געפאדערט צו באפרייען דעם טענענט פונעם ליעס. פאר נאך אינפארמאציע, זע DHCR פאקט בלאט #7.

**10. ווען אן אייגנטומער קען זיך אנטזאגן פון באנייען א ליעס**

ווילאנג דער טענענט באצאלט די געזעצליכע רענט צו וועלכע דער אייגנטומער איז בארעכטיגט, איז דער טענענט, אויסער פאר די ספעציפישע סיבות וואס שטייען אינעם ETPA און TPR, בארעכטיגט צו בלייבן אינעם דירה. אן אייגנטומער מעג נישט האראס'ן א טענענט דורך בכוונה זיך אויפפירן אויף א וועג געאייגנט צו מאכן דער טענענט זיך ארויסציען פון זיין/איר דירה.

אונטן איז אויסגערעכנט עטליכע אבער נישט אלע סיבות פאר ארויסווארפן:

**אן DHCR צושטימע**, דער אייגנטומער קען זיך אנטזאגן פון באנייען א ליעס און ברענגען אן עוויקשען שריט אין ציווילע געריכט ביים אויסלויף פונעם ליעס צוליב סיי וועלכע פון די פאלגנדע סיבות:

(A) דער טענענט אנטזאגט זיך פון אונטערשרייבן א פאסיגע באנייאונג ליעס פארגעשלאגן דורך דער אייגנטומער;

(B) דער טענענט נוצט נישט דעם דירה אלס זיין אדער איר הויפט וואוינארט. דער אייגנטומער מוז מעלדן דעם טענענט שריפטליך כאטש 90 טעג און נישט מער ווי 120 טעג פארן אויסלויף פונעם ליעס אז דער אייגנטומער פלאנט נישט צו באנייען דעם ליעס.

נאר פאר אינפארמאציע

**מיט DHCR צושטימונג**, דער אייגנטומער קען זיך אנטזאגן פון באנייען א ליעס צוליב סיי וועלכע פון די פאלגנדע סיבות:

(A) דער אייגנטומער זוכט מיט גוטע כוונה צו צוריקבאקומען דעם דירה פאר'ן ציל פון אראפווארפן דעם געביידע און בויען א נייע געביידע; אדער

(B) דער אייגנטומער דארף די דירה אדער די לאנד פאר'ן אייגנטומער'ס פערזענליכע באנוץ אין פארבינדונג מיט א ביזנעס וואס דער אייגנטומער אייגנט און פירט.

א טענענט וועט געגעבן ווערן א קאפיע פון דער אייגנטומער'ס אפליקאציע און האט א רעכט זיך קעגנצושטעלן. אויב דער אייגנטומער'ס אפליקאציע ווערט ערפילט, קען דער אייגנטומער ברענגען אן עוויקשן שריט אין ציווילע געריכט.

**11. עוויקשן אין דער צייט וואס דער ליעס איז אין קראפט**

דער אייגנטומער מעג נעמען שריט אין ציווילע געריכט ארויסצושיקן א טענענט דורכאויס דער טערמין פונעם ליעס פאר די סיבות אויסגערעכנט אינעם ETPA און TPR.

אונטן איז אויסגערעכנט עטליכע אבער נישט אלע סיבות פאר ארויסווארפן:

(A) צאלט נישט קיין רענט;

(B) פארלעצט א באדייטנדע פליכט פונעם טענענסי;

(C) פאראורזאכט אדער ערלויבט א שטערונג;

(D) נוצט אדער וואוינט אינעם דירה אומלעגאל;

(E) האט אן א סיבה נישט ערלויבט פאר'ן אייגנטומער צוטריט צו דער דירה פאר'ן ציל צו מאכן נויטיגע פארריכטונגען אדער פארבעסערונגען געפאדערט לויט'ן געזעץ אדער ערלויבט דורך דער DHCR, אדער פאר'ן ציל פון איבערקוקן אדער וויזן. דער טענענט מוז געגעבן ווערן כאטש 5 טעג' מעלדונג פונעם איבערקוקן אדער וויזן, עס זאל ווערן אויסגעארבעט פאר'ן באקוועמליכקייט סיי פונעם טענענט און אייגנטומער, אז דער טענענט זאל קענען זיין אנוועזנד ביים איבערקוקן אדער וויזן. א טענענט איז נישט געפאדערט צו ערלויבן צוטריט צו איבערקוקן אדער וויזן אויב אזא פאדערונג וואלט געגאנגען קעגן דעם ליעס.

טענענטס זענען געווארנט אז פאראורזאכן פארלעצונגען פון געזונטהייט, זיכערהייט, אדער ריינקייט סטאנדארטן פון האוזינג מעינטענענס געזעצן, אדער ערלויבן אזעלכע פארלעצונגען דורך א פאמיליע מיטגליד אדער פונעם הויזגעזונד אדער דורך א גאסט, קען זיין דאס באזיס פאר א געריכט שריט דורך דער אייגנטומער.

**12. קאאפערטיוו און קאנדאמעניום קאנווערדזשין**

טענענטס וועלכע קויפן נישט זייער דירות אונטער א נאן-עוויקשן קאנווערזשין פלאן טוען ווייטער זיין באשיצט דורך רענט סטאביליזירונג. קאנווערזשינס זענען רעגולירט דורך דער ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל. סיי וועלכע קאאפערטיוו אדער קאנדאמעניום קאנווערזשין פלאן אנגענומען פאר פיילינג דורך דער ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל'ס אפיס וועט ענטהאלטן ספעציפישע אינפארמאציע וועגן טענענט רעכטן און שיצונגען. א ביכל פון אינפארמאציע וועגן די אלגעמיינע טעמע פון קאנווערדשין איז אוועילעבל פון דער ניו יארק סטעיט אטורני דזשענעראל'ס אפיס.

**13. עלטערע בירגער און דיסאביליטי רענט העכערונג אויסנאם פראגראם**

טענענטס אדער זייער מאן/ווייב וואס זענען אין עלטער פון 62 יאר, אדער עלטער, אדער זענען מענטשן מיט א דיסאביליטי, און וואס זייער הויזגעזונד איינקומפט שטאפל שטייגט נישט איבער די באשטימטע איינקומפט שטאפל קענען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר אן אויסנאם פון גיידליין רענט העכערונגען, שוועריגקייט רענט העכערונגען, גרויסע קאפיטאל פארבעסערונגען רענט העכערונגען און רענט נידערונגען פאר DHCR באשטעטיגטע עלעקטרישע סוב-מעטערינג קאנווערדזשינס. די אויסנאם וועט נאר זיין פאר א טייל פון די העכערונג וועלכע פאראורזאכט דאס טענענט'ס רענט צו איבערשטייגן א דריטל פונעם "נעט" הויזגעזונד איינקומפט, און איז נישט אוועילעבל פאר העכערונגען באזירט אויף נייע סערוויסעס אדער געצייג אינעם דירה. פראגעס לגבי די עלטערע בירגער רענט העכערונג אויסנאם (Senior Citizen Rent Increase Exemption, SCRIE) פראגראם און דער דיסאביליטי רענט העכערונג אויסנאם (Disability Rent Increase Exemption, DRIE) פראגראם קענען געשיקט ווערן צום ניו יארק סיטי אפטיילונג פון האוזינג און קאמיוניטי באנייאונג.

ווען אן עלטערע בירגער אדער מענטש מיט א דיסאביליטי באקומט א רענט העכערונג אויסנאם, קען דער אייגנטומער באקומען א ריעל עסטעיט שטייער קרעדיט פונעם מוניציפאליטעט אינעם זעלבן סומע פונעם טענענט'ס אויסנאם. אפגעזען סיי וועלכע פון די אויבנדערמאנטע, זענען עלטערע בירגער אדער מענטשן מיט א דיסאביליטי וואס באקומען א רענט העכערונג אויסנאם נאכאלס פארלאנגט צו באצאלן א גאנצע מאנאט'ס רענט אלס א זיכערהייט דעפאזיט. פאר נאך אינפארמאציע זע DHCR פאקט בלאט #20 און #21.

נאר פאר אינפארמאציע

### 14. ספעציעלע פעלער און אויסנאמען

עטליכע ספעציעלע כללים אין פארבינדונג מיט סטאביליזירטע רענטס און געפאדערטע סערוויסעס קען אנגיין פאר ניי-געבויעטע געביידעס אויסגעשטעלט צו רעגולאטארי אפמאך און/אדער וועלכע באקומען שטייער עבעיטמענט אדער אויסנאם, און צו געביידעס צוריק-אויפגעבויעט אונטער געוויסע ניו יארק סטעיט אדער פעדעראלע פינאנצן, מארגעדזש אינשורענס פראגראמען, אדער פראיעקט-באזירטע וואוטשערס. דער אויפזעענדע רעגירונג אגענטור וואס שטעלט צו ערשטע לעגאלע רענטס מעג אויך שטעלן געוואונטשענע רענטס. רעגולאטארי צושטימונגען ארויסגעגעבן און באשטעטיגט דורך א סטעיט אדער מוניציפאלע אגענטור אדער אן אנדערע דעזיגנירטע אגענטור קען צושטעלן פאר אקטועלע רענט וואס איז העכער פון לעגאלע רענט און געוואונטשענע רענט, ווילאנג א גאווערמענט פראגראם שטעלט צו רענטאל הילף פאר די אפארטמענט. די טענענט שעיר ווערט אנגעפירט דורך די אגענטור וואס שטעלט צו רענטאל הילף און די רעגולאטארי צושטעמונג. די אקטועלע רענט מוז אויך ווערן עקסטער רעגיסטרירט. ווען א רענטאל הילף ענדיגט זיך, סיי ווען עס איז דא א טענענט און סיי ווען עס איז ליידיג, די וויניגער פון די נידריגערע לעגאלע רענט אדער געוואונטשענע רענט ווי אויך סיי וועלכע גזעצליכע אויסגלייכונגען אדער א נידריגערע רענט אהערגעשטעלט דורך די רעגולאטארי צושטימונג מוז ווערן גערעכנט. די פארלאנג שטייט און א קלארע שפראך אין DHCR מעלדונג RA-LR3, וואס מוז ווערן צוגעלייגט צו אלע ליעסעס ווען העכערע אקטועלע רענט ווערט גערעכנט. די כללים וואס שטייען אין דעם ביילאגע זענען נישט דווקא גילטיג אויף רענט סטאביליזירטע דירות וועלכע געפונען זיך אין האטעלן אדער פערמענאנט האוזינג אקאמידאציעס מיט רעגירונג געפארעמטע סערוויסעס פאר שוואכע מענטשן אדער מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע זענען אדער זענען געווען היימלאז אדער זענען אין א ריזיקע פון היימלאזיגקייט.

### 15. עיר קאנדישאנער צוגעלייגטע קאסטן

אייגנטומערס זענען ערלויבט צו צאמנעמען צוגעלייגטע קאסטן פון רענט סטאביליזירטע טענענטס פאר דאס באנוץ פון עיר קאנדישאנערס. DHCR גיבט ארויס א יערליכע אפדעיט צו אן אפערעישאנעל בולעטין אין וועלכע די גזעצליכע צוגעלייגטע פרייזן ווערן פעסטגעשטעלט פאר'ן יאר. א צוגעלייגטע פרייז סומע ווערט באשטימט פאר טענענטס אין געביידעס וואו עלעקטריק איז ארייגערעכנט אינעם רענט. די צוגעלייגטע פרייז נישט ווערן א טייל פונעם לעגאלע רעגולירטע רענט. צוגעלייגטע צאלונגען פאר טענענטס אין געביידעס וואו טענענטס צאלן אליין פאר עלעקטרישע יוטיליטי סערוויסעס איז נישט ערלויבט. (זע אפערעישאנעל בולעטין 84-4 און פאקט בלאט #27).

### 16. צוגעלייגטע קאסטן פאר טענענט-אינסטאלירטע וואש מאשינען, דרייערס, און דיש-וואשערס

אויסער אויב א ליעס שטעלט צו אנדערש, זענען אייגנטומערס נישט געפאדערט צו ערלויבן טענענטס צו אינסטאלירן וואש מאשינען, דרייערס אדער דיש-וואשערס. וואו א טענענט בעט ערלויבעניש פון דער אייגנטומער צו אינסטאלירן אזא אפלייענס אדער אפלייענסעס, אפגעזען אויב פערמענאנט אינסטאלירט אדער אויב מען קען עס רוקן, און דער אייגנטומער שטימט צו, קען דער אייגנטומער נעמען א צוגעלייגטע פרייז אדער פרייזן. DHCR גיבט ארויס פעריאדישע אפדעיטס צו אן אפערעישאנעל בולעטין וואס באשטימט צוגעלייגטע פרייזן פאר וואש מאשינען, דרייערס און דיש-וואשערס. איין סעט פון צוגעלייגטע פרייזן ווערט באשטימט פאר טענענטס אין געביידעס וואו עלעקטריק איז ארייגערעכנט אינעם רענט. נאך א סעט פון צוגעלייגטע פרייזן ווערט באשטימט פאר טענענטס וואס צאלן פאר זייער אייגענע עלעקטריק. די צוגעלייגטע פרייזן זאלן נישט ווערן א טייל פונעם רענט. (זע אפערעישאנעל בולעטין 2005-1).

### 17. געוואונטשענע רענט

א געוואונטשענע רענט איז א רענט וואס אן אייגנטומער שטימט צו צו רעכענען וואס איז נידריגער ווי דער לעגאלע רעגולירטע רענט וואס דער אייגנטומער קען צאמנעמען געזעצליך. די לעגאלע רעגולירטע רענט איז געפאדערט צו ווערן אריינגעשריבן אינעם וועיקענסי ליעס און אין אלע נאכפאלגנדע באנייאונג ליעסעס כדי צו ווערן אנגעהאלטן. דערHSTPA גילטיג אום יוני 14, 2019 ערלויבט ווייטער פאר געוואונטשענע און לעגאלע רענטס צו ווערן גערעכנט אין די צייט פון א ליעס באנייאונג אבער פארלאנגט אויך אז סיי וועלכע געוואונטשענע רענט וואס ווערט שוין געזאמעלט זאל ווייטער ווערן צוגעשטעלט אין די צייט פון ליעס באנייאונג. די רענט העכערונג צו ווערן געזאמעלט ביי א ליעס באנייאונג אויף די געוואונטשענע רענט מוז ווערן געשטעלט דורך צושטעלן די פאסיגע גיידליינס העכערונג צו די געוואונטשענע רענט. די לעגאלע רענט קען נישט ווערן געזאמעלט ביז א וועיקענסי קומט פאר און קען ווערן פארגעשלאגן צו די נעקסטע נייע וועיקענסי ליעס טענענט, אויב ביידע די לעגאלע רענט און די געוואונטשענע רענט זענען געשריבן אויף די ערשטע ליעס פארשלאגנדיג די געוואונטשענע רענט און יעדע נאכפאלגנדע ליעס שלאגן פאר די געוואונטשענע רענט ביז די וועיקענסי. אויסנאמען צו די פארלאנגונגען קענען פאסן צו געוואונטשענע רענט אוועקגעשטעלט דורך רעגולאטארי צושטימעס.

### 18. שפראך צוטריט

Copies of the Rider are available for informational purposes only, in languages required by DHCR's Language Access Plan and can be viewed at www.hcr.ny.gov. However, the Rider is required to be offered and executed in English only, at the issuance of a vacancy lease or renewal lease. The DHCR RTP-8 Renewal Lease Form is also required to be offered and executed in English only.

Copias de la Cláusula están disponibles con fines informativos en los idiomas requeridos por el Plan de Acceso Lingüístico de la DHCR y se pueden ver en www.hcr.ny.gov. Sin embargo, se requiere que la Cláusula se ofrezca y ejecute en inglés solamente, en la emisión de un contrato de arrendamiento por desocupación o contrato de renovación de arrendamiento. El Formulario del Contrato de Renovación de Arrendamiento RTP-8 de la DHCR también se debe ofrecer y ejecutar en inglés solamente.

Kopi Dokiman Siplemantè a disponib pou bay enfòmasyon sèlman, nan lang ki obligatwa dapre Plan Aksè nan Lang DHCR epi ou kapab wè yo sou sitwèb www.hcr.ny.gov. Men, yo fèt pou bay ak egzekite Dokiman Siplemantè a nan lang Anglè sèlman, lè y ap bay yon nouvo kontra lwaye oswa yon renouvèlman kontra lwaye. Pwopriyetè kayla gen obligasyon tou pou bay ak egzekite Fòm Renouvèlman Kontra Lwaye DHCR RTP-8 nan lang Anglè sèlman.

Copie della postilla sono disponibili per finalità esclusivamente informative nelle lingue previste dal Piano di assistenza linguistica (Language Access Plan) del DHCR e sono consultabili sul sito www.hcr.ny.gov. La postilla, tuttavia, va presentata e resa esecutiva solo in lingua inglese, alla stipula di un contratto di locazione di immobile libero o di rinnovo. Anche il modulo del contratto di rinnovo RTP-8 del DHCR va presentato e perfezionato solo in lingua inglese.

Копии данного Приложения доступны исключительно в информационных целях на языках, предусмотренных Программой языкового доступа (Language Access Plan) Жилищно-коммунальной администрации на сайте www.hcr.ny.gov. Однако настоящее Приложение должно быть предложено и подписано исключительно на английском языке при подписании вновь заключенного договора аренды или договора о продлении срока аренды. Форма продления срока аренды RTP-8 Жилищно-коммунальной администрации также должна быть предложена и подписана исключительно на английском языке.

附加條款副本僅供參考，其語言格式以 DHCR「語言服務計畫」之規定為準，且可於 www.hcr.ny.gov 查看。不過，於交付空房租約或續期租約時，本附加條款之版本與履行效力仍以英文版為主。房東亦須提供英文版的「DHCR RTP-8 續期租約表」，且履行效力同樣以英文版為主。

본 특약서의 사본은 DHCR의 언어 액세스 계획(Language Access Plan)에서 요구하는 언어로 정보 <u>제공의 목적으로만</u> 제공되며, www.hcr.ny.gov 에서 볼 수 있습니다. 하지만 본 특약서는 공실 임대 계약서 또는 갱신 임대 계약서 발행 시에 는 영어로만 제공 및 작성해야 합니다. DHCR RTP−8 갱신 임대 계약서(Renewal Lease Form)도 영어로만 제공 및 작성해야 합니다.

ক্রোড়পত্রের কপি <u>শুধুমাত্র তথ্যমূলক উদ্দেশ্যের জন্য</u>, DHCR-এর ভাষা প্রবেশাধিকার পরিকল্পনায় প্রজনীয় ভাষাগুলোতে উপলব্ধ এবং www.hcr.ny.gov-এ দেখতে পাওয়া যেতে পারে। তবে, ক্রোড়পত্রটি একটি খালি জায়গা বা পুনর্নবীকরণ লিজ জারি করায়, শুধুমাত্র ইংরেজিতে প্রস্তাবিত ও সম্পন্ন করা প্রয়োজন। DHCR RTP-8 পুনর্নবীকরণ লিজ ফর্মও শুধুমাত্র ইংরেজিতে প্রস্তাবিত ও সম্পন্ন করা প্রয়োজন।

קאפיעס פונעם ריידער זענען אוועילעבל <u>בלויז פאר אינפארמאציע צוועקן</u>, אין שפראכן פארלאנגט דורך DHCR'ס שפראך צוטריט פלאן און קענען געזען ווערן אויף www.hcr.ny.gov. אבער, דער ריידער איז פארלאנגט צו ווערן צוגעשטעלט און אויסגעפירט נאר אין ענגליש, ביים ארויסגעבן א וועיקענסי ליעס אדער באנייאונג ליעס. דער DHCR RTP-8 באנייאונג ליעס בויגן איז אויך פארלאנגט צו ווערן צוגעשטעלט און אויסגעפירט נאר אין ענגליש.

Kopie Aneksu są dostępne wyłącznie w <u>celach informacyjnych</u>, w językach wymaganych przez Plan Dostępu Językowego DHCR (DHCR's Language Access Plan) i można się z nimi zapoznać na stronie www.hcr.ny.gov. Wymaga się jednak, aby Aneks był oferowany i zawierany wyłącznie w języku angielskim, przy zawieraniu umowy najmu na czas nieokreślony lub przedłużaniu umowy najmu. Wymaga się, aby Formularz przedłużenia umowy najmu DHCR RTP-8 był również oferowany i zawierany wyłącznie w języku angielskim.

تتوفر نسخ من الملحق <u>لأغراض تقديم المعلومات فقط</u>، باللغات التي تتطلبها خطة الإتاحة اللغوية لشعبة الإسكان وتجديد المجتمع (DHCR) ومن الممكن عرضها من خلال الموقع www.hcr.ny.gov. ومع ذلك، يجب عرض الملحق واستكماله باللغة الإنجليزية فقط، عند إصدار عقد تأجير الشقة الشاغرة أو عقد تجديد الإيجار. يطلب أيضًا تقديم واستكمال نموذج عقد تجديد الإيجار RTP-8 لشعبة الإسكان وتجديد المجتمع (DHCR) باللغة الإنجليزية فقط.

Des copies de l'avenant sont disponibles à titre <u>d'information uniquement</u>, dans les langues requises par le Plan d'accès aux langues de la DHCR et peuvent être consultées sur www.hcr.ny.gov. Toutefois, l'avenant doit être proposé et signé en anglais uniquement, lors de la délivrance d'un bail vacant ou de renouvellement. Le formulaire de renouvellement de bail DHCR RTP-8 doit également être offert et signé en anglais uniquement.

سوار کی کاپیاں DHCR کے لینگویج ایکسس پلان کے مطابق درکار زبانوں میں <u>معلوماتی مقاصد</u> کے لیے دستیاب ہیں اور www.hcr.ny.gov پر دیکھی جا سکتی ہیں۔ تاہم، رائیڈر کو صرف انگریزی میں، خالی لیز یا تجدید لیز کے اجراء پر پیش کش اور عمل درآمد کی ضرورت ہوتی ہے۔ DHCR RTP-8 تجدید لیز فارم کو بھی صرف انگریزی میں پیش کرنے اور انجام دینے کی ضرورت ہے۔

בלויז פאר אינפארמאציע

**19. קאסטן**

עס זענען פארהאן געוויסע אפצאלן וואס אייגנטומערס קענען רעכענען טענענטס באזונדער און עקסטער פונעם רענט פאר דער דירה. פונדעסטוועגן, ווערן אפצאלן נישט א טייל פונעם לעגאלע רענט אדער געוואונטשענע רענט, און אייגנטומערס קענען זיי נישט צולייגן פארן ציל פון אויסרעכענען ליעס באנייאונג העכערונגען.

<u>געזעצליכע אפצאלן:</u>

פארשפעטיגונג אפצאלן ווען א קלאוס אינעם ערשטן וועיקענסי לעיס ערלויבט פאר זיי צו ווערן גערעכענט ביז א געוויסע ספעציפיצירטע דאטום און די פארשפעטיגונג אפצאלן זענען וויניגער ווי $50 אדער 5% פונעם מאנאטליכן רענט וואס ווערט יעצט גערעכענט און צאמגענומען. געוואונטשענע רענטס, וועלכע קענען אויך אנגערופן ווערן "צייטליכע רענט," וועלכע ווענדן זיך אין צייטליכע באצאלונג פון רענט אדער ווערן אפגעשטעלט אויב באצאלונג פון רענט איז שפעט זענען נישט ערלויבט.

לעגאלע אפצאלן קענען נאר גענומען ווערן פון א טענענט אויב באפוילן דורך א ריכטער אין געריכט.

לאגישע אפצאלן פאר אן אפשטאם איבערקוק ווען מען גיבט זיך איין צו זיין א טענענט וועלכע קען נישט זיין מער ווי $20 פער טענענט אויסגעשטעלט צום אפשטאם איבערקוק.

אפצאלן פאר פענסטער גראטעס ($10 פער גראטעס) זענען ערקלערט אין DHCR פאקט בלאט #25.

אפצאלן פאר סמאוק דעטעקטערס, קארבאן מאנאקסייד דעטעקטערס און נאטורליכע גאז דעטעקטערס זענען פעסטגעשטעלט דורך דער לאקאלע מוניסיפאליטעט.

אקטועלע אפצאלן/רעכענונגען וועלכע האבן פאסירט צוליב נישט גענוג געלט פאר א טענענט'ס רענט טשעק וואס איז נישט אריבער (באונס'ד טשעק), אויב דאס איז צוגעשטעלט געווארן אינעם ערשטן ליעס.

אפצאלן באפוילן דורך א רעגירונגס אגענטור וואס פארמאגט איבערזוכט רעכטן לויט א רעגולאטארי אפמאך.

אפצאלן פאר עיר קאנדישינערס און טענענט-אינסטאלירטע וואש מאשינען, דרייערס, און דיש-וואשערס זענען געשילדערט אין DHCR 'ס אפערעישאנעל בולעטין 84-4 פאקט בלאט #27, און DHCR אפערעישאנעל בולעטין 2005-1.

אפצאלן פאר סוב-מעטערינג און אנדערע יוטיליטי סערוויסעס. אפצאלן פאר סוב-מעטערינג זענען געשילדערט אין DHCR'ס אפערעישאנעל בולעטין 2014-1.

<u>אומגעזעצליכע אפצאלן:</u>

אפצאלן פאר אפשטאם איבערקוקן אויף רענט סטאביליזירטע טענענטס וועלכע וואוינען שוין דארט.

אפצאלן קענען נישט גערעכענט ווערן פון א טענענט פאר אן אפשטאם איבערקוק אויף א מעגליכע רום-מעיט אדער צוגעקומענע פאמיליע מיטגלידער.

פעט פארזיכערונג דעפאזיטס אדער אפצאלן פאר א סערוויס חיה אדער וואס זענען א פארלעצונג פונעם פעיר האוזינג אקט.

אין קראפט פון נאוועמבער 21, 2022, אפצאלן (צוצאלונגען) פאר טענענט אינסטאלירטע עיר קאנדישאן יוניטס אויב די טענענט צאלט פאר עלעקטרישע יוטיליטי סערוויס.

אפצאלן פאר אייגנטומער-אינסטאלירטע עיר קאנדישינער בראקעטס זענען פארבאטן.

אפצאלן אריינרעכענענדיג אבער נישט באגרעניצט צו שאדן אפצאלן, פאררעכטן אפצאלן פון אלע סארטן אריינגערעכנט די וואס האבן פאסירט בשעת'ן אראפנעמען שטאטישע פארלעצונגען, פארבן אפצאלן, רייניגן אפצאלן און אנדערע אפצאלן נישט פעסטגעשטעלט דורך אדער מער ווי דער סומע ערלויבט דורך דער רענט רעגולאציעס אדער אנדערע שטאטישע רעגולאציעס זענען פארבאטן. ביטע באמערקט אז דער אומפאסיגקייט פון ארויפלייגן די אפצאלן דורך דער ליעס וועט נישט דווקא אפהאלטן אן אייגנטומער פון זעלבסטשטענדיגערהייט זוכן אנדערע פארלייכטערונג אפציעס פאר נישט פאסיגע אויפפירונג אדער שאדן.

דער $20 אפצאל וואס דארף באצאלט ווערן דורך אייגנטומערס צום מוניסיפאליטעט פאר יעדע סטאביליזירטע דירה קען נישט ווערן אריבערגעפירט אלס אן אפצאל צום טענענט.

טענענטס וועלכע זענען גערעכנט געווארן פאר אפצאלן און/אדער קאסטן וואס זיי קענען גלייבן זענען אומגעזעצליך אדער אומצייטליך האבן די רעכט צו איינגעבן א קלאגע פון רענט איבעררעכענונג אויף DHCR בויגן RA-89 און/אדער זוכן הילף אין געריכט.

נאר פאר אינפארמאציע

**ביילאגע:**

טייל אגענטורן וואס קענען צושטעלן הילף

ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון האוזינג און קאמיוניטי באנייאונג (DHCR):

DHCR איז א סטעיט אגענטור ערמעגליכט צו אויספירן און פארסירן די רענט געזעצן. טענענטס קענען זיך פארבינדן מיט DHCR אויף אונזער וועבזייטל www.hcr.ny.gov אדער דורך באזוכן אונזער פובליק אינפארמאציע אפיס אונטן פאר הילף.

Attorney General of the State of New York - www.ag.ny.gov
120 Broadway, New York, NY 10271

קאנסומער שווינדל און באשיצונג ביורא

- פארשט אויס און ווארנט איבער אומלעגאלע אדער פראודישע ביזנעס פראקטיקן, ארייגערעכנט איבערגערעכנען פון רענט און אומריכטיג באהאנדלען רענט סעקיוריטי דעפאזיטס דורכן אייגנטומער.

ריעל עסטעיט פינאנס ביורא

- פירט און פארזיכערט די געזעצן פון קאאפערטיוו און קאנדאמעניום קאנווערזשינס. פארשט אויס קלאגעס פון טענענטס אין געביידעס וואס גייען אריבער קאאפערטיוו אדער קאנדאמיניום קאנווערזשין אנבאלאנגט קלאגעס פון אומריכטיגע אויסזאגן, הארסן, און פארמישנדע אינפארמאציע.

מען קען זיך פארבינדן מיט פארשידענע ניו יארק סיטי אגענטורן אזוויי די האוזינג אויפהאלטן און אנטוויקלונג, פינאנס און געביידעס דורך 311.

DHCR האט באשטעטיגט דעם בויגן און פאנט מאס איז אין איינקלאנג מיט RSC טייל 2522.5(c).

נאר פאר אינפארמאציע